**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/24/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט איבער 22 מיליאן דאלער אין פינאנצירונג אויף צו ווייטער ציען ניו יארק׳ס ווידער-אויפלעבונג און ענווייראנמענטאלע אפטורפוס׳שאפט**

***וואוקס מיט פארשטאנד, ארטיגע וואסער-ברעג און בראָונפילד געלעגנהייט ערטער פינאנצירונג פאראן צו אונטערצינדן קאמיוניטי וואוקס***

***פראגראם צילט צו מוטיגן יושר׳דיגע אנטוויקלונג און צוציען דזשאָבס און ביזנעסער***

***100 מיליאן דאלער ׳ניו יארק פאָרווערטס׳ אונטערנעמונג צו העלפן קלענערע, רורעל קאמיוניטיס***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט אויסגעמאלדן פינאנצירונג צו באקומען פאר דריי דעפארטמענט אָוו סטעיט קאמיוניטי פלאנירונג און אנטוויקלונג פראגראמען. די פראגראמען זענען דער גרונטשטיין פאר אויפלעבונגס פראיעקטן געצילט אויף שטיצן אינאווירנדע וואוקס לענגאויס דעם סטעיט. דער פינאנץ-יאר 2023 דורכגעפירטער סטעיט בודזשעט רעכנט אריין באדייטנדע פינאנצירונג פאר פראגראמען ווי למשל שכל׳דיגע וואוקס פלאנירונג און זאָונינג פראגראמען, דער בראָונפילד געלעגנהייט ארט, און דער ארטיגער וואסער-ברעג אויפלעבונג פראגראם.

״שטאנדהאפטיגע און יושר׳דיגע קאמיוניטי-געטריבענע פראגראמען זענען דער שליסל צו ניו יארק׳ס עקאנאמישע אומקער,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״בשעת מיר ארבעטן זיך צו ערהוילן פון דער פאנדעמיע, איז קריטיש-וויכטיג אז מיר זאלן ארבעטן מיט איינציגווייזע קאמיוניטיס אויף איבערצוקערן זייערע התחייבות׳ן אויף אייגנארטיגע אייגנטומען. די אנטוויקלונג פראגראמען וועלן אונז שטעלן אויף א וועג צו שאפן א גרינערע, מער ביזנעס פריינטליכע ניו יארק.״

**סעקרעטאר פון סטעיט ראבערט דזשעי. ראדריגעז האט געזאגט,** ״ערפאלגרייכע קאמיוניטי אויפלעבונג הייבט זיך אן מיט שכל׳דיגע קאמיוניטי פלאנירונג, אנטוויקלונג און פובליק געשפרעך. גאווערנער האוקול׳ס אנטשלאסנקייט צו שטאנדהאפטיגע און יושר׳דיגע קאמיוניטי אנטוויקלונג שטיצט א רענעסאנס אין קאמיוניטי אויפלעבונג לענגאויס דעם סטעיט, מאכנדיג ניו יארק אן ערשטראנקיגע סטעיט פאר פאמיליעס, ביזנעסער און טוריסטן פון יעדן עלטער, הינטערגרונד און איינקונפט שטאפל.״

גאווערנער האוקול העכערט דער סטעיט׳ס ענווייראנמענטאלע אפהיט פאָנד׳ס בודזשעט מיט 100 מיליאן דאלער אין עם דורכגעפירטן בודזשעט פאר פינאנץ יאר 2023, וועלכס האט צוגעשטעלט דירעקט פינאנצירונג פאר די אונטערנעמונגען. די דריי אנטוויקלונג פראגראמען ווערן אדמיניסטרירט דורך דעם דעפארטמענט אָוו סטעיט (DOS) אפיס פון פלאנירונג, אנטוויקלונג און קאמיוניטי אינפראסטרוקטור.

**׳סמאַרט׳ וואוקס פלאנירונג און זאונינג גרענט פראגראם (2 מיליאן דאלער)**

דער שכל׳דיגער וואוקס פלאנירונג און זאָונינג גרענט פראגראם טוט אנבאטן 2 מיליאן דאלער פאר קאמיוניטיס אויסצוארבעטן גרונטליכע גאנץ-מוניציפאלישע פלענער און זאָונינג כללים, ווי אויך געצילטע ארט פלענער און זאָונינג, ווי למשל דאונטאון געגנטער, צענטראלע ביזנעס דיסטריקט און טראנזיט-אריענטירטע אנטוויקלונג דיסטריקטן. קאמיוניטיס מוזן פארשפרעכן צו איינקערפערן די פרינציפן פון קלוגע וואוקס אין זייער פלאנירונג און זאָונינג. קלוגע וואוקס פרינציפן רעכענען אריין גאסן אויסלייג גינציג פאר פיסגייער, ביציקלעך, און טראנזיט; קאמפאקט, געמישטע-באניץ קאמיוניטי אויסשטעל; לעבהאפטע דאונטאון געגנטער און אנדערע מוניציפאלע צענטערס; א פארשידנקייט פון האָוזינג אפציעס פאר יעדע מאס איינקונפט, עלטער און פעאיגקייט; זיכערע, צוטריטליכע פובליק ערטער; רחבות׳דיגע פארק און אפנלופטיגע פארוויילונגס געלעגנהייטן; גרינע געביידעס; און אינפראסטרוקטור, צווישן אנדערע.

פאריגעס יאר האט DOS אויסגעטיילט קלוגע וואוקס גרענטס אין סך הכל פון 1.5 מיליאן דאלער צו 24 קאמיוניטיס איבער׳ן סטעיט אויסצוארבעטן גרונטליכע פלענער, וועלכע זענען די לעגאלע און פּאָליסי באזיס פאר צוקונפטיגע וואוקס און אנטוויקלונג באשלוסן. בארעכטיגקייט פאר דעם היי-יעריגן פראגראם איז פארברייטערט געווארן אריינצונעמען זאָונינג פאראַרדענונגען וועלכע פירן איין אויספירליכע און ארטיגע פלענער.

**בראָונפילד געלעגנהייט ארט (BOA) פראגראם (4 מיליאן דאלער)**
דער BOA פראגראם טראנספארמירט בראָונפילד ערטער — ווי למשל ערטער מיט באדייטנדע פארפעסטונג — פון התחייבות׳ן ביז קאמיוניטי אייגנטומען, וועלכע אין זייער צייט טרייבן אויף און שטיצן נייע ביזנעסער, דזשאָבס, האָוזינג און פובליק באקוועמליכקייטן. דער פראגראם באזארגט גרענטס פאר BOA פלענער וועלכע, נאכ׳ן פארענדיגן, ווערן אריינגעגעבן צום ניו יארק סטעיט סעקרעטאר פון סטעיט פאר באוויליגונג, אדער ״באשטימונג״.  דער סארט באשטימטע BOA פלענער טוען דערנאך בארעכטיגן פראיעקטן וועלכע זענען איינשטימיג מיט דעם פלאן צו שטעלן צום ערשט פינאנצירונג צווישן געוויסע סטעיט פראגראמען און נאך 5 פראצענט בראָונפילד דעוועלאפער שטייער קרעדיט. דער BOA פראגראם טוט אויך צושטעלן גרענטס פאר בעפאר-אנטוויקלונג אין סטעיט-באשטימטע BOA׳ס, ווי למשל ענווייראנמענטאלע, האָוזינג און עקאנאמישע שטודיעס, אינפראסטרוקטור אנאליז, מארקעטינג סטראטעגיעס, פובליק געשפרעכן און זאָונינג און רעגולאטארישע אָפּדעיטס, צווישן אנדערע. היי-יאר גיבט דער פראגראם אויך פינאנצירונג פאר פאזע צווי ענווייראנמענטאלע ארט אפשאצונגען אינערהאלב א סטעיט באשטימטע BOA, מעגליך געמאכט דורך א שטאטוט פאראויס-געפירט דורך גאווערנער האָוקול אין דעם דורכגעפירטן בודזשעט פאר פינאנץ-יאר 2023 און דער 400 מיליאן דאלערדיגע ענווייראנמענטאלע אפהיט פאָנד, די העכסטע מאס פינאנצירונג אין דעם פראגראם׳ס היסטאריע.

**ארטיגע וואסער-ברעג אויפלעבונג פראגראם (LWRP) (**16.3 **מיליאן דאלער)**
דער LWRP באזארגט גרענטס צו קאמיוניטיס אויף אויסצוארבעטן א קאמיוניטי געטריבענע פלאן מיט א בליק פאר זייער וואסער-ברעג, אנגעוויזן דורך עטליכע ענווייראנמענטאלע פּאָליסיס וועלכע פארזיכערן אז פראיעקטן ארבעטן אין איינקלאנג מיט וואסער-ברעג נאטורליכע אייגנשאפטן און עקא-סיסטעמען. נאכדעם וואס אן LWRP איז באשטעטיגט דורכ׳ן סעקרעטאר פון סטעיט און אנגענומען דורך אן ארטיגע קאמיוניטי, אדער איז באדייטנד פערטיג, קען דער קאמיוניטי זיך ווענדן אויף איינצופירן געלטער פאר פראיעקטן וועלכע שטיצן דעם פלאן. עס זענען איצט פאראן 113 באשטעטיגטע LWRP׳ס אין ניו יארק סטעיט.

דער DOS טוט אויך אדמיניסטרירן דעם גאווערנער׳ס דאונטאון אויפלעבונג איניציאטיוו (DRI). [דער DRI](#) איז איינגעפירט געווארן אין 2016 צו פארשנעלערן און אונטערהייבן די אויפלעבונג פון שטאטישע צענטערן און געגנטער אין אלע צען ראיאנען פון דעם סטעיט צו דינען אלס צענטערן פון אקטיוויטעט און טרייב קראפט פאר העכערן ארטיגע אינוועסטירונגען. דער DRI, אנגעפירט דורכ׳ן DOS, פארטרעט א פרעצעדענטלאזע און המצאה׳דיגע ״בפועל׳דיגע פלאן״ סטראטעגיע וועלכע טוט צוזאמפּאָרן

סטראטעגישע פלאנירונג מיט באלדיגע אויספירונג. רוב DRI קאמיוניטיס האבן באקומען פינאנצירונג אין דער פארגאנגענהייט פון די BOA און LWRP פראגראמען, וועלכס האבן אליין געהאלפן זיי אנטוויקלען און איינפירן זייער ערפאלגרייכע DRI אפליקאציעס. דער DRI האט אויסגעטיילט א סך הכל פון 600 מיליאן דאלער צו 59 קאמיוניטיס אין איר ערשטע פינף רונדעס.

היי-יאר האט דער גאווערנער געשאפן אן אינאווירנדע צווייג פון עם DRI וואס רופט זיך ׳ניו יארק פּאָרוועדטס׳, וועלכס וועט שטיצן א מער יושר׳דיגע דאונטאון ערהוילונג פאר ניו יארק׳ס קלענערע און רוּרעל קאמיוניטיס מיט א פאקוס אויף האמלעטן און ווילעדזשעס. דער DOS וועט ארבעטן מיט קאמיוניטיס דורך א פלאנירונג פראצעס און באזארגן נויטיגע טעכנישע הילף אויסצוארבעטן א ריי גרייט-איינצופירן פראיעקטן. ׳ניו יארק פּאָרוועדטס׳ ווערט פינאנצירט ביי 100 מיליאן דאלער אין דעם היי-יעריג דורכגעפירטן סטעיט בודזשעט.

מער אינפארמאציע אויף די פראגראמען קענען געפונען ווערן אין די קאנסאלידירטע פינאנצירונג אפליקאציע (CFA) שטיצע-מיטלען פאראן ביכל אויף https://regionalcouncils.ny.gov/.
אינפארמאציע אויף די ׳סמאַרט׳ וואוקס פראגראם קען מען געפונען ביי https://cfaresources.ny.gov/standalone-cfa-programs.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418